מ'וועט זיי דורכפירן אין אן אופן פון הצלחה - "הצליח דרכי", און א הלצחה פון שם הוי' - "והוי' הצליח דרכי" - וואס איז למעלה ממדידה הגבלה ולמעלה מכל העלם והסתר, און צוזאמען מיט "בית דינו" - "והוי'".

ביז אז עס ווערט אין אן אופן ווי עס שטייט בהמשך פון היינטיקן שיעור[123] - "את היי לאלפי רבבה", און "ויירש זרעך את שער גו'" - דער ענין פון אתכפיא ואתהפכא, גלייך פון אתכפיא קומט מען צו אתהפכא.

ביז צו דער שלימות בזה - "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ"[124], און נאכמער: אתהפכא - "בכל לבבך - בשני יצריך"[125], בדוגמא ווי דער נחש איז געווען א "שמש גדול" קודם החטא[126], וכמארז"ל[127] עה"פ[128] "והשבתי חי' רעה מן הארץ" - ניט נאר ווי דער ערשטער אפטייטש אין דעם "מעבירם מן העולם", נאר ווי דער צווייטער אפטייטש - "משביתן שלא יזיקו", דער ענין פון אתהפכא[129], ביז אז "נער קטן נוהג בם"[130].

ובמהרה בימינו ממש, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

כט. נוסף אויף דעם לימוד הנ"ל פון כ"ף חשון וואס איז פארבונדן מיט דער קביעות פון היינטיקן טאג בימי החודש, וואס דאס איז דאך דער לימוד פון כ"ף חשון בכל שנה ושנה - איז אויך פאראן א לימוד מיוחד פון דער קביעות מיוחדת המשתנית משנה לשנה.

וכמובן פון תורת הבעש"ט[131] אז פון יעדער זאך דארף מען אפלערנען א הוראה בעבודת ה', ובפרט אן ענין וואס איז פארבונדן מיט תורה - וואס דערפאר לערנט מען אפ פון דער קביעות פון כל יום, בחודש בשנה וכו'.

בנוגע לענינינו - איז בהוספה אויפן לימוד פון דער קביעות בימות החודש, וואס איז א לימוד השוה בכל שנה ושנה, ובמילא איז דאס דער עיקר הלימוד, ווארום "תדיר ושאינו תדיר - תדיר

---

123) שם, ס. 124) זכרי' יג, ב. 125) ואתחנן ו, ה. משנה ברכות רפ"ט (נד, א). ספרי ופרש"י עה"פ. 126) סנהדרין נט, ב. 127) תו"כ בחוקותי כו, כו. יל"ש בחוקותי רמז תער"ב. 128) בחוקותי שם. 129) ראה אוה"ת לתהלים (יהל אור) ע' שכח ואילך. ובמילואים לשם ס"ע תרל ואילך. המשך מים רבים תרל"ו פקס"א ואילך - בביאור מאחז"ל הנ"ל. 130) ישעי' יא, ו. 131) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סקכ"ז-קכט.

הנחות הת' בלתי מוגה

קודם"[132], קומט צו א הוראה נוספת פון דעם ענין המשתנה מדי שנה בשנה.

וואס דאס איז די קביעות מיוחדת פון כ' חשון בימות השבוע ובפרשת השבוע.

ל. די קביעת פון כ' חשון בשנה זו בימות השבוע ובפרשת השבוע איז - ביום חמישי פון פרשת חיי שרה.

וואס אין דעם זיינען די צוויי פרטים האמורים: בימות השבוע - יום חמישי, ובפרשת השבוע - פון חמישי ביז ששי בפ'חיי שרה (פארבונדן מיט "וה' הצליח דרכי").

איז ע"פ הכלל הנ"ל, אז "תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם", מובן, אז די הוראה פון "יום חמישי" בשבוע איז "קודם" צו דער הוראה פון פ' השבוע, ווארום כמה וכמה ימי חמישי איכא בשנה, במילא איז עס מער "תדיר".

ובנוגע צו כ' חשון האט די קביעות בימות השבוע א חשיבות מיוחדת, כמדובר כמה פעמים[133] (וואס מען זעט בפשטות ווען מ'קוקט אין "לוח") אז כ' חשון פאלט אויס לעולם אין דעם זעלבן טאג ווי שמיני עצרת, דער ערשטער טאג סוכות און יום ראשון דראש השנה. און ווי מ'זעט עס בפשטות בשנה זו, אז סיי יום א' דר"ה סיי ט"ו בתשרי (דער ערשטער טאג סוכות) און סיי שמע"צ - זיינען געווען ביום חמישי בשבוע.

און די הוראה דארף זיין אין אן ענין וואס איז פאבונדן מיטן ענין פון "מזלו גובר" שבכ"ף חשון, אן פועל'ן אויף אלע ענינים שבכ"ף חשון, ביז בנוגע למעשה וואס "הוא העיקר".

לא. איז דער ביאור בזה:

די גמרא אין סוף מס' שבת[134] רעכנט אויס די סגולות מיוחדות שבכל יום מימות השבוע, און דארט רעדט זיך טאקע בנוגע "יום הולדת", אז דער יום בשבוע אין וועלכן א מענטש ווערט געבארן, האט א השפעה מיוחדת אויף כל חיי האדם.

[וואס דרך אגב איז אויך פון דער סוגיא א הוכחה להאמור לעיל בנוגע דעם יום ההולדת פון כ' חשון, אז בנוגע יום הולדת איז נוגע ניט נאר דעם יום בחודש נאר אויך דעם יום בשבוע].

און בנוגע צו יום חמישי בשבוע זאגט דארט די בגמרא: "האי

---

132) ברכות נא, סע"א. זבחים צא, א. 133) ראה גם שיחת ש"פ וירא, כ"ף מר-חשון תשמ"ג בתחלתו. 134) קנו, א.

מאן ד(נולד) בחמשה בשבא יהי גבר גומל חסדים, מ"ט, משום דאיברו בי' דגים ועופות", און רש"י איז מפרש אז "דגים ועופות" "אין טורחין לאוכלין אלא ניזונים בחסדו של הקב"ה".

אין אנדערע ווערטער: די גמרא זאגט, אז נוסף צו דעם ציווי וואס יעדער איד איז מצווה אין דער מצוה פון גמילות חסדים, און נוסף דערצו וואס איינער פון די סימנים פון אידן בכלל איז דאס וואס זיי זיינען "גומלי חסדים"*134, איז פאראן א הוספה מיוחדת בזה ביתר שאת וביתר עוז, בשעת מ'ווערט געבארן ביום חמישי בשבוע.

און דער טעם הדבר: וויבאלד אז יעדער טאג מימות השבוע איז כנגד דעם טאג בששת (שבעת) ימי בראשית, ווארום יעדער וואך חזר'ן זיך איבער די שבעת ימי בראשית; וכמבואר אין חסידות135 אויך אין די מאמרים פון בעל יום ההולדת*135 אז דאס איז דער טעם פארוואס מען זאגט יעדן זונטיק "היום יום ראשון", דלכאו' "מבריאת העולם עד עתה כבר יש אלפים ורבבות ימים, ולמה מונים תמיד ראשון שני כו'" און מ'איז מבאר אז די טעג זיינען "ימי ההיקף שחוזרין חלילה";

און ווי מ'זעט עס בפשטות אויך פון שירו של יום, אז בכל יום ויום זאגט מען דעם מזמור וואס האט א שייכות צו דער בריאה שביום זה (ביום הראשון שבו נבראו שמים וארץ - "לה' הארץ ומלואה"136 וכיו"ב).

[ווי די גמרא זאגט אין מס' ראש השנה137, און אין סיום מס' תמיד - דאס וואס מ'דערמאנט די מסכתות ר"ה און תמיד איז עס ניט בכדי צו ווייזן בקיאות, נאר בכדי צו מדגיש זיין (א) די שייכות שבזה צו ראש השנה, און (ב) א שייכות מיוחדת צו ענין התמידיות - פארבונדן מיט מהלך החמה, וואס האט א שייכות צו ימות השבוע] -

איז דעריבער, וויבאלד אז ביום זה נבראו עופות ודגים, האט עס א השפעה אויף יעדן איינעם וואס נולד ביום חמישי.

און איז דעם איז רש"י מסביר: בכלל איז דאך ידוע די סוגיא בסוף מס' קידושין אז ס'איז פאראן אן ענין של מזון וואס קומט ע"י טירחא; און ז'ער חידוש פון עופות ודגים איז - וואס "ניזונין בחסדו של הקב"ה'.

לב. ויש לומר, אז לויט פירוש רש"י קומט צו נאך א הדגשה מיוחדת אין דברי הגמרא אז "יהי גבר גומל חסדים": דאס איז ניט סתם א טאג של גמילות חסדים, וויבאלד אז "נבראו בו דגים ועופות" - נאר

---

*134) יבמות עט, א. 135) לקו"ת שה"ש כה, סע"א. סה"מ תש"ד ע' 192. ועוד. *135) סה"מ תרע"ח ע' רסט. 136) תהלים קאפ' כד. 137) לא, א.

דאס איז א "גמילות חסדים" וואס איז פארבונדן מיט "חסדו של הקב"ה", א חסד שלמעלה ממדידה והגלבה[138].

לערנען מיר ארויס פון דעם מאמר רז"ל, אז דער מזל פון יום החמישי איז - אז דאס איז א טאג של גמילות חסדים, און דערפאר, אז עס ווערט געבארן א מענטש ובפרט א איד - תכלית ושלימות הבריאה - ביום זה, וועט ער זיין א "גבר גומל חסדים", און ניט סתם גמילות חסדים נאר בלי מדידה והגבלה - "חסדו של הקב"ה".

ד.ה. אז נוסף דערצו וואס בכל השנה כולה איז פאראן דער חיוב פון "והלכת בדרכיו"[139] מה הוא גומל חסדים כו' אף אתה כו'[140], ד.ה. די גמילות חסדים זאל זיין אזוי ווי חסדו של הקב"ה - איז אבער בא א נולד ביום חמישי פאראן א סגולה ומזל מיוחדה, אז ער ווערט א "גבר גומל חסדים", בחסדו של הקב"ה.

לג. און וויבאלד אז יעדער ענין אין תורה, כולל די סוגיא אין שבת, איז א הוראה אין עבודת האדם (תורה מלשון הוראה) - האבן מיר ארויס די הוראה כללית דערפון בנוגע צו דער עבודה דכ"ף חשון:

טוענדיק די ענינים הקשורים מיט כ' חשון, סיי די ענינים התדירים שבכל שנה ושנה, סיי די ענינים המשתנים משנה לשנה - קען מען דאס טאן בכמה אופנים: מען קען דאס טאן בלויז צו יוצא זיין ידי חובתו; מען קען דאס טאן "כדבעי לי' למיעבד"[141], און מען קען דאס טאן אין אן אופן פון "לפנים משורת הדין".

קומט דער לימוד פון חמישי בשבוע און לערנט אונז, אז די עבודה דארף זיין אין אן אופן נעלה יותר אפילו פון "לפנים משורת הדין", טאן אין אן אופן פון "גמילות חסדים", וואס דאס אליין איז א תנועה פון התפשטת, און דאס גופא אין אן אופן פון "הדבק במדותיו" - אזוי ווי "חסדו של הקב"ה", וואס איז בלי גבול!

ד.ה. אז בשעת עס רעדט זיך וועגן דעם ענין פון תורה ומצוות בכלל, וואס איז אן ענין פון "גמילות חסדים" עם עצמו, עד"ז הפצת התורה ומצוותי' וואס איז גמ"ח עם הזולת, ולכל לראש - גמ"ח כפשוטה, דער ענין הצדקה (כנ"ל ס"י) -

האט מען דעם לימוד, מען זאל עס ניט טאן אין אן אופן פון "לצאת ידי חובתו", ווי מען צאָלט אָפּ א חוב, וואס דעמולט צאָלט מען בלויז וויפל מען קומט - נאר מען דארף עס טאן אין אן אופן

---

138) ראה אוה"ת בראשית רפח, א. קונטרס ומעין מאמר ח' ואילך. ועוד.
139) תבוא כח, ט. רמב"ם הל' דעות פ"א ה"ו. שו"ע אדה"ז סקנ"ו ס"ג. וראה ספרי עקב יא, כב. 140) פרש"י עה"פ עקב שם. וראה מקומות שבהערה הקודמת. 141) ראה כתובות סז, רע"א.

הנחה הת' בלתי מוגה

פון "צדקה" (וואס איז מער פון וואס מען קומט), און נאכמער - "גדולה גמילות חסדים יותר מן הצדקה"[142], און נאכמער - ווי "חסדו של הקב"ה" מאנט.

לד. דערמיט וועט מען פארשטיין נאך א מאמר רז"ל בנוגע צו יום חמישי בשבוע:

די גמרא זאגט אין כתובות[143] אז יום חמישי האט א מעלה אז "נאמרה בו ברכה לדגים", ומטעם זה איז מען קובע די נישואין ביום רביעי וכו'.

פרעגט זיך די שאלה: יום הששי האט דאך לכאורה א גרעסערע מעלה, "נאמרה בו ברכה לאדם" (ווי די גמרא זאגט דארט) - איז אין וואס באשטייט די מעלה פון "ברכה לדגים" אויף "ברכה לאדם"?

איז דאס מובן ע"פ הנ"ל: דער ענין פון אדם איז טאקע העכער פון דגים, אבער דער צירוף אדם באווייזט אויף מדידה והגבלה (כמבואר בכ"מ[144]); דער אויפטו פון יום החמישי איז - "חסדו של הקב"ה", למעלה ממדידה והגבלה, וואס דאס איז העכער פון צירוף אדם: עס בלייבן טאקע די אותיות פון אדם, מען איז אבער מבלבל דעם סדר ומדידה והגבלה שלו, און פון "אדם" ווערט "מאד"[145], למלעלה ממדידה והגבלה!

און דאס האט אויך א שייכות צו דער "ברכה שניתנה לדגים", כידוע אז דגים זיינען פרים ורבים במיוחד, כמאחז"ל[146] עה"פ[146*] "וידגו לרוב בקרב הארץ" - "דגים שבים מים מכסין עליהם ואין עין הרע שולטת בהם".

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיטן כלל פון "אין הברכה מצוי' אלא בדבר הסמוי מן העין"[147], און "אין הברכה מצוי' אלא בדבר שאין העין שולטת בו"[147], ווייל דעמולט איז "עינא בישא" ניט שולט - ווארום דאס איז דער אופן המציאות פון דגים, אז זיי זיינען "סמוי מן העין" און געפינען זיך תמיד בתוך הים.

[און דאס האט אויך א שייכות צו תוכן הענין וואס דגים געפינען זיך בתוך הים, ווארום דאס ווייזט אז זיי זיינען תמיד פארבונדן מיט מקור חיותם, און זיינען בטל צו דער חיות (אלקי) וואס איז זייי מחי', ביז אז מען קען ניט מפריד זיין ביניהם,

---

142) סוכה מט, ב. 143) ה, א. 144) ראה המשך וככה תרל"ז פ"כ. 145) ראה ב"ר פ"ח, ה ובפרש"י שם. וראה המשך וככה שם. 146) ברכות כ, סע"א. ב"ב קיח, ריש ע"ב. פרש"י עה"פ ויחי מח, טז. *146) ויחי שם. 147) תענית ח, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

כידוע שיטת רשב"ג[148] אז א דבר שבים אינו חוצץ (כמבואר בכ"מ אין חסידות[149], אויך אין כמה דרושים פון בעל יום ההולדת[150] - דעריבער איז "וידגו לרוב בקרב הארץ").

לה. ויה"ר, אז פון דער עבודה אין דעם אופן פון "גמילות חסדים" וואס האט א שייכות צו יום חמישי שנבראו בו דגים - זאל ביי אונז מקויים ווערן דער ענין פון "שבו ניתנה ברכה לדגים".

און דאס האט אויך א שייכות מיוחדת לדורנו זה, ווארום נשיא דורנו איז שמו יוסף, במילא איז ביי יעדערן וואס איז "מזרעא דיוסף" ווערט מקויים די ברכה וואס די גמרא[151] זאגט "אנן מזרעא דיוסף דלא שלטא בי' עינא בישא דכתיב...וידגו לרוב בקרב הארץ",

ווארום גופא בתר רישא אזיל - במילא פועל'ט עס אויף כל הדור.

דעריבער זאל מען זיך ניט שרעקן טאמער וועט שאטן אז ס'וועט זיין צופיל הפצת המעיינות און צופיל צדקה וכו', און ווער ווייס "מה יאמרו הרואים" און "למה תתראו"[151*] וכו' - ווייל "אנן מזרעא דיוסף אנן", און דעריבער איז "וידגו לרוב בקרב הארץ", ד.ה. אז אפילו זייענדיק "בקרב הארץ" רירט עס ניט אן די מציאות, און עס ווערט "וידגו לרוב".

לו. און נאכמער:

וויבאלד מיר זיינען "בקרב הארץ", איז ניט נאר "סתם וידגו לרוב", נאר עס קומט צו דער "יתרון האור מן החושך"[152] און "יתרון החכמה מן הסכלות"[152] - אז עס ווערט "כאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ"!

וואס אין דעם איז דא א מדרש נפלא[153]: דער מדרש פרעגט א שאלה: הייתכן, אז דוקא שבט לוי, וואס זיין תפקיד איז געווען "לעמוד לפני ה' לשרתו"[154] און אין אן אופן אז דער אויבערשטער איז "חלקך ונחלתך"[155] - איז דוקא ער געווען "ממועט באוכלוסין"!

---

148) מקואות פ"ו מ"ז. (וראה תויו"ט שם). 149) ס' המאמרים תרצ"ט ע' 214. וראה לקו"ת צו יד, ב ואילך. שער האמונה פנ"ב (פד, א ואילך). ועוד. 150) ד"ה וראיתי אני תרס"ב. וראה סה"מ תרנ"ט ע' קמה ואילך. תרע"ח ע' רנד ואילך. ועוד. 151) מקומות שבהערה 146. *151) ל' הכתוב - מקץ מב, א. 152) ל' הכתוב - קהלת ב, יג. וראה ספר הערכים-חב"ד ערך אור - ביחס לחושך ס"ח, וש"נ. 153) רמב"ן עה"פ במדבר ג, יד. וראה גו"א ולבוש האורה לפרש"י. ע"פ ויצא כט, לד. 154) עקב י, ח. 155) קרח יח, כ.

הנחת הת' בלתי מוגה

אלע אידישע שבטים האבן געהאט מער אוכלוסין ווי שבט לוי!

לכאורה: שבט לוי זיינען די וואס "בו בחר ה"א מכל שבטיך"[156], נבחר מכל השבטים, און אין אן אופן פון "לעמוד לפני ה' לשרתו" (ע"ד ווי "הפעם ילוה אישי אלי"[157]), און ווי דער רמב"ם[158] איז מאריך אין דער מעלה פון שבט לוי ("מעמידו על חלק היפה"*[156]) "אתה תומיך גורלי" וכו' - איז פארוואס זיינען זיי "מעוטין באוכלוסין"?

איז דער ענטפער אויף דעם (אין מדרש): וויבאלד בא שבט לוי איז ניט געווען דער "כאשר יענו אותו" אין גלות מצרים[159], זיי זיינען געווען פטור[160] פון שיעבוד מצרים[161] - דעריבער איז ניט געווען דער "כן ירבה וכן יפרוץ"[159]!

בנוגע לעינינו: האט מען דעם לימוד אין צד החיובי - אז בשעת מ'איז דורכגעגאנגען דעם "כאשר יענו אותו" למעלה מכל השערה ומדידה והגבלה, סיי "זרעא דיוסף", און אנהויבנדיק פון יוסף אליין - נשיא דורנו -

איז א זיכערע זאך אז עס דארף זיין דער "וידגו לרוב" אין אן אופן פון "כן ירבה וכן יפרוץ", סיי אין ענינים גשמיים כפשוטם, אין כמות כפשוטה; סיי (ובק"ו) אין די ענינים וואס "יוסף" קאכט זיך אין זיי - דער ענין פון יוסף הוא המשביר בר לכל עם הארץ[162], וואס האט א שייכות מיט "נוהג כצאן יוסף"[163] און "נחית כצאן עמך גו'"[164].

לז. ובנוגע לפועל:

בשעת מ'וועט זיך פירן אין די אלע ענינים וואס נשיא דורנו האט געמאנט, ניט רעכענענדיק זיך מיט "כאשר יענו אותו" און "מה יאמרו הרואים" וכיו"ב - איז ניט נאר וואס עס וועט ניט שאטן, נאר אדרבה: "כן ירבה וכן יפרוץ"!

ויתירה מזו: אויך דעם "כאשר יענו אותו" (וואס מען דארף האבן כדי עס זאל זיין דער "כן ירבה וכן יפרוץ") וועט מען יוצא זיין בענינים של מה-בכך, בדיבור בעלמא וואס רירט קיינעם ניט אן און וועט קיינעם ניט אנרירן.

---

156) שופטים יח, ה. *165) פרש"י ס"פ נצבים. 157) ויצא כט, לד. 158) הל' שמיטה ויובל פי"ג. 159) שמות א, יב. 160) ראה רמב"ן שם ה, ד. בחיי שם. ועוד. 161) שמו"ר פ"ה, טז. תנחומא וארא ו. פרש"י עה"פ שמות שם. 162) מקץ מב, ו. 163) תהלים פ, ב. 164) שם עז, כא.

ובדוגמא ווי ס'איז מבואר[165] בנוגע דער עבודה פון גלות הזה האחרון, אז תמורת דעם שעבוד פון "חומר ולבנים"[166] במצרים כפשוטה, איז מען עס יוצא יעצט דערמיט וואס מען מאַטערט זיך אין "ליבון הלכתא" און אין לימוד ק"ו שבתורה - איז דורך אַט דעם "כאשר יענו אותו" - קומט דערנאָך אַראָפּ דער "כן ירבה וכן יפרוץ" אין לימוד התורה, לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא.

און דורך דער עבודה אין לימוד התורה באופן הנ"ל, ווערט אויך דער "גדול לימוד שמביא לימי מעשה", אין מעשה בפועל, אז מ'האט דעם "בני חיי ומזוני רויחי", ובכולם "רויחי": סיי "רויחי" אין דעם "מזוני רויחי", סיי רויחי אין בני חיי "רויחי" ברוחניות, ובעיקר - בפשוטם של דברים.

וואס בשעת מ'האט דעם "רויחי" אין "בני" און "חיי" שטעלט מען אויף דעם "קהל גדול"[167] ווארום "יכלו כל הנשמות שב(אוצר ששמו) גוף"[168], מ'איז ממלא דעם "פרו ורבו ומילאו את הארץ" - ווערט דערנאך דער "וכיבשוה"[169] מתוך שמחה וטוב לבב,

און "קהל גדול ישובו הנה"[167], במהרה בימינו ממש, "וארו עם ענני שמיא", במהרה בימינו ממש.

* * *

לח. מאמר (כעין שיחה) ד"ה ואברהם זקן.

* * *

לט. שוין גערעדט כמה וכמה פעמים, און אויך בשנה שעברה (בכ"ף חשון[170]), אז בכל שנה ושנה, בכל יום הולדת, הויבט זיך אָן בפשטות נאך א יאר, וואס דאס איז פארבונדן מיט א נייעם קאפיטל אין תהלים, און ווי רבותינו נשיאינו האבן איבערגעגעבן (ביז דער אלטער רבי, דער מגיד און דער בעש"ט)[171], אז בכל שנה ושנה איז פאַראַן א קאַפיטל מיוחד אין תהלים וואס איז מתאים מיט מספר שנותיו של האדם.

וואס דאס איז אויך פון די ענינים המשתנים מדי שנה בשנה.

און דאס איז שייך אויך ווען דער בעל יום ההולדת איז אויפן עולם האמת, ווי פארשטאנדיק אויך פון דעם חלום הידוע (ווי שוין

---

165) תו"א, תו"ח ואוה"ת ר"פ שמות (ע"פ זח"ג קנג, א (ברע"מ)). 166) שמות א, יד. 167) ירמי' לא, ח. 168) יבמות סב, סע"א ובפרש"י. 169) בראשית א, כח. 170) ס"ח. 171) מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ בקובץ מכתבים לתהלים אהל יוסף יצחק ע' 214. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה